NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13504

ZUMER

Leib Kvitko

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קוויטקאָ

זומער

אַ נ י ז

מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע 1941

לייב קוויטקאָ

זומער

צייכענונגען — —

ה. קאָנאַשעוויטש

און ה. אלפייעווסקי

אָ ג י ז

מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"

מאָסקווע — 1941

פּײַפּעלעך

— ווער ווײסט,
ווער ווייסט, ווי מאַכט מען פּײַפּעלעך?

— איך ווייס, איך ווייס, ווי מאַכט מען פּײַפּעלעך!

אינעם גראָבן וואַקסט אַ דאָרן,
איז ער דאַר און הויל געוואָרן.
רײַסט מען אים אַרויס,
שנײַדט מען לעכלעך אויס.

פײַפט מען,
פײַפט מען,
פײַפט מען לאנג,
ביז סע קומט ארויס א קלאנג,
קלאנג א דינער ווי א שטרוי —
ווערט א פײַפעלע אזוי.



שפּיל איך:
טיורל,
טיורל,
ריל.
קומט צו פליען באלד א גריל.
זעט ער, אז ס'איז ניט קיין גריל —
אז ס'איז גאָר א פײַפל־שפּיל,
פליט ער באלד אוועק צוריק!

קומט צו פֿליִען באַלד אַ מיק,
אפֿן פֿײַפֿל הינ און הער
בייגט דאָס קעפּל צו און הערט.
נאָר פֿאַרשטייט ער דעם מוזיק? —
פֿליט ער אויך אַוועק צוריק!

נאָר סע הערן עס די קינדער,
קומען זיי מיט אַ געפּילדער,
— פּײַפּעלעך, אוי, פּײַפּעלעך!

יעדער רײַסט אַ דאָרן,
יעדער פּײַפֿט און בלאָזט.
איז אַזױנס געװאָרן —
ציטערט אַוש דאָס גראָז!

אין סעדער

עפּל פּעפּינקעס און פּלוימען
און די שווערע באַרן בער!
בעטן ביימער: „ליבע קינדער,
נעמט אַראָפּ א קאָפּ, סע שווער".

לאָזט זיך כעוורע לאַנג ניט בעטן,
לאַנג ניט בעטן — צוליב וואָס? —
אַפ דער ערד איז אָנגעשאָטן,
פול מיט פּרוכטן אַפן גראָז.

פריִער פּילט מען אָן די קוישן,
גלײַך פון ביימער — ניט פון שאָט.
פולע קוישן, פולע קוישן
פאַר די אַרבעטער פון שטאָט.

נאָכדעם עסט מען זיס און זאַפטיק,
זאַפט און זיסקײַט — האָניק־ווײַן,
ווען אין מויל שוין קאָן ניט קריכן —
קריכט אין קעשענע אַרײַן.

פולע קעשענעס, געפּאַקטע,
קוים צו רירן זיך מיט זיי, —
און עס גלוסטן נאָך די אויגן,
נאָר די בײַכלעך טוען וויי!

מוז מען אָפּרוען אַ ביסל,
און אַ לייג זיך אויפן גראָז —
קוקט אַראָפּ אַ באַק פון עפּל,
און פון פלוים — אַ בלויע נאָז.

און אַ בינטל שוואַרצע ווײַנשל
אויף דער לעצטער צווײַג, אָן דאָרט,

אך, זיי לאָזן דאָך ניט רוען, —
און א כאַפּ זיך פונעם אָרט.

קריכן, וואַרפן, טרייסלען, רײַסן —
פלאַטער, פליטער בלעטער־בלאַט!
און געפאַקט שוין, און באַקומען,
און א לייג זיך ווידער מאַט.

און אַרײַנגעשטעקט די ציינדלעך
און געהאַלטן לאַנג אַזוי, —
עפּל, באַרן, ווײַנשל, פלוימען,
אך, ווי גוט איר זײַט, אוי, אוי!

— ווער פאַרזייט די פרוכט אַף ביימער?
— ווער גיסט אָן איין זיי דעם זאַפט?
שטעלט זיך איינער אויף און ענטפערט:
— ווייסט איר דען ניט, ווער דאָס שאַפט?

גוטע גערטנער, גוט־געניטע,
גוטע גערטנער, טרײַע מי
פירן אָן מיט בוים און זאַפטן,
היטן אָפּ פון פראָסט און גלי.

זיי באשטעלן עס די פארבן,
שטעלן אָפּ די גרייס, די קליין,
און באקליידן און באצירן
אלע פרוכטן איידל, שיין.

דעמ=אָ עפּל מאכן ווייַניק,
און אָ=יענעמ — האָניק=זיס,
אָט די בארן — עטוואָס טערפּקע,
יענע — זאפטיק, אז סע פליסט.

דאָ א נאָפּעלע א פּיצינקס,
דאָרט א בעקעלע א ראָזס,
דאָ א קעפּעלע א שווארצינקס,
דאָרט א געלבלעכ=לאנגע נאָז!

ביז עס קומען אָן די קינדער
און די פרוכטן זיי געפעלט, —
פרייען זיך די גוטע גערטנער
און דאָס פּאָנעמ בא זיי קוועלט:

— רײַסט און טרייסלט אָפּ די פרוכטנ!
זאַפט און זיסקײַט — האָניק־ווײַנ.
ווענ אינ מויל שוינ קענ ניט קריכנ —
שטופּט אינ קעשענעס ארײַנ!



גערעטעניש

וואָס פאַר פורנ
אפנ ברוק?
וואָס פאַר קלאַנגענ:
„טוק, טוק!"

וואָס פאַר רעדער
אפ ברוקיר
קלאפּנ, קלינגענ
אָנ א שיר?

פונ פאַרטאָג,
פרי פאַרטאָג
פאָרנ פורנ
אַפנ ברוק.

שטייסט נאָר אוף, —
זײַנען דאָ;
שלאָפּן גייסט, —
זײַנען דאָ.

ווּ א וועג,
ווּ א שטעג
פֿאָרן פֿורן
גאַנצע טעג.

גרוזאָוויקעס
מיט געלאָד —
פֿון די דערפֿער
צו דער שטאָט.

פֿון ראַטוויִרט,
פֿון קאָלווירט



צו די באנען
אלץ מע פירט.

פירן פורן
נאָכאנאנד, —
גרויס געדעטעניש
אין לאנד.

Л. КВИТКО

ЛЕТО

(на еврейском языке)

Редактор А. Фрумкин
Подписано к печ. 5/IV 1941 г.
Формат бумаги 70 x 108 1/32.
1/2 п. л. 0,4 учетн. изд. лист.
А — 38064. Тираж 10.000 экз.
Заказ тип. № 775.
Цена 50 коп.

Государств. типография № 4
Треста Полиграфпром. ЛССР
Вильнюс, Рудницкая 2.

Цена 50 коп.

Л. КВИТКО

ЛЕТО

ОГИЗ

Государственное издательство
„ДЕР ЭМЕС" ★ Москва 1941